בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

229

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲנָתוֹ אֱמוּנָה

מֶען דַארְף דָאךְ הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע רֶבִּי, פַארְוָואס פָּארְט מֶען קַיין אוּמַאן?.........א

אִיז דָאס נָארְמַאל אַז אִיךְ דַארְף בַּאדִינֶען מַיינֶע קִינְדֶער?..............................ג

מֶעג מֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי פַאר מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה?..............................ה

זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי מֵיידְל הָאט אֶפְשָׁר אַ סְמַארְטְפָאוֹן? ...........ז

הָאב אִיךְ פַארְשְׁלָאפְן מַיין מַזָל אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה? ..................................ח

תִּיקוּן הַכְּלָלִי קֶען פַארְדֶערְבְּן אוֹיךְ אַלְטֶע עֲבֵירוֹת?................................ט

וואוּ אִיז דִי חֲזַ"ל אָז אַ בַּת קוֹל הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ "
עֶר רוּפְט מִיר טַאטֶע"? ................................................................... יא

זָאלְן מִיר מַאכְן מְלַוֶּה מַלְכָּה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?...................................... יג

עֶס צִיט מִיר צוּרִיק צוּ גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, וָואס טוּ אִיךְ? ...................... טו

וָואס טוּ אִיךְ אַז דִי צְנִיעוּת בַּיי מַיין שְׁוִוִיגֶערְ'ס הוֹיז אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?...... יז

וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי מַאמֶע?...........................יח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה מִיט דִי תְּפִילִין נָאכְן דַאוֶונֶען ........................א

תְּהִלִים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִים גֶעבְּט מֹחַ.............................................................א

אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת...........................................ב

אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת, הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער........................................ג

עֶס אִיז וִוִיכְטִיג צוּ נֶעמֶען אַ רוֹימֶערְקֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב.........................ג

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֶעבְּן אַסאַךְ נֶעמֶען פַּאר אַ קִינְד........................................ד
מֶען קֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּייְנַאכְט ..................................................ד
אוֹיבּ מֶען זָאגְט תִּיקּוּן רָחֵל אִין אַ שְׁנַת הַשְׁמִיטָה....................................ה
אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ וֶועלְכֶע בֶּעבִּיסִיטֶער מֶען שִׁיקְט......................................ו
בַּארֶעכְנְט אַייךְ וָואס אִיר וִוילְט אִין לֶעבְּן........................................ו
מֶען דַארְף גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט ...........ח
דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.................................ח
דִי קָאפּ זָאל זַיין אִין גוּטֶע זַאכְן ...............................................ט
עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן אַ בְּלַאט גְמָרָא...................................י
צֵייל נִישְׁט דִי טֶעג, יֶעדֶע מִינוּט הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי ...........................יא
קוּם לֶערְנֶען אִין שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּייְנַאכְט.......................................יב
בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ אוֹיף תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.........................................יב
דֶערְמַאן מִיךְ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ וִויפִיל גֶעלְט אִיךְ קוּם דִיר ..........................יג
לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער ..........................................יג
שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַ מוֹסָד עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ........................................יד
לָאזְט נִישְׁט מַאכְן אַייעֶר טָאכְטֶער פַּאר אַ מֶענְטְל קֶעיס ...........................טו
וִוי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער ...........................טו
הֶערְט אוֹיף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן חֲלוֹמוֹת .....................................טז
גֶעבּ פַּאר דִי קִינְדֶער גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן ........יז
מֶען דַארְף שְׁטִיצְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ שְׁטִיצְן......יח
זַיין אָפְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן..................................................יט
לֵייגְן דִי מִשְׁפָּחָה פַּאר דִי בִּיזְנֶעס.................................................יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶען דארף דָאךְ הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע רֶבִּי, פַּארְוָואס פָּארְט מֶען קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא זָאגְט רַשִׁ"י: "אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם, אֵין לְךָ אֶלָּא כֹּהֵן שֶׁבְּיָמֶיךָ, כְּמוֹ שֶׁהוּא". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי פוּן יֶענֶעם דוֹר; אוֹיב אַזוֹי פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּ זֵייעֶר רֶבִּי וָואס לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס הָאט אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן? וָואס אִיז דִי סְתִּירָה?! גֵיין צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי דְּבָרִים, סִימָן רחצ): "אֵין לְךָ אֶלָּא כֹּהֵן שֶׁבְּיָמֶיךָ".

עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דַיין בְּרִיוו וִוי דוּ זוּכְסְט צוּ טְשֶׁעפֶּען בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, כְּאִילוּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין רַבָּנִים אוּן דַיָּנִים; וֶוען כָּלֵב בֶּן יְפֻנֶּה אִיז גֶעוֶוען אִין אַ סַכָּנָה פוּן דִי מְרַגְּלִים אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען

צום מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה בֶּעטְן בַּיי דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים – אִיז דָאס אוֹיךְ אַ קַשְׁיָא ? ! פַּארְוָואס מֶען פָארְט צום הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן פַּארְשְׁטֵייסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט ? פַּארְוָואס מֶען פָארְט צוּ אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים פַּארְשְׁטֵייסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט ? !

יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן פַּארְוָואס מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה) : "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה ; נִישְׁט נָאר מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג) : "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר ; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַּארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט : "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

דֶערִיבֶּער פָארְן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים קַיין אוּמַאן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ : "מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם" ; אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס מֶען הֶערְט אַ גַאנְץ יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ – וֶוערְט אַלֶעס אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶעריסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן; יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן הַשֵּׁם יְרַחֵם, דִי שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם; אוּן דָא אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵּן זַיין; קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט - וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים, כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן פַארֶרעכְטְן.

...

## אִיז דָאס נָארְמַאל אַז אִיךְ דַארְף בַּאדִינֶען מַיינֶע קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס בֶּעט מִיר מַיין זוּן כְּסֵדֶר אַז אִיךְ זָאל טוּן פַאר אִים זַאכְן, אוֹיפְהֵייבְּן זַאכְן פַאר אִים פוּן דֶער עֶרְד, אָדֶער אִים בְּרֶענְגֶען אַ גְלֶעזְל וַואסֶער וֶוען עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן לֵיינֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַלֶע סָארְט זַאכְן וָואס עֶר קֶען אַלֵיינְס טוּן.

אִיךְ טְרַאכְט דִי גַאנְצֶע צַייט אוֹיב דָאס אִיז נָארְמַאל, אוֹיב עֶס פַּאסְט אַזוֹי צוּ טוּן, אָדֶער דַארְף אִיךְ אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין צוּ בֶּעטְן פוּן אַ טַאטֶע אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, דָאס פִילְט אָן מִיט לֶעבְּן, מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט: "כַּבֵּד אֶת בִּנְךָ וְאֶת בִּתְּךָ", דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע און מַאמֶע.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין, פַּארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֵיי בַּאדִינֶען; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דֶער טַאטֶע זָאל בֶּעטְן דָאס קִינְד: "בְּרֶענְג מִיר אַ טְרִינְק" וְכַדוֹמֶה; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דִי מַאמֶע זָאל הֵייסְן דִי קִינְדֶער: "הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע וֶועשׁ", "הֵייבּ אוֹיף דִי שְׁפִּילְצֵייג"; אָךְ און וֵויי פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס לָאזְן דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר'דִיג, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז זֵיי בַּאדִינֶען דִי קִינְדֶער.

זֵייעֶר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת, מֶען טְרַאכְט 'עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין - זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן דֶעמָאלְט גֵיי אִיךְ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וְויאַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ'; דִי עֶלְטֶערְן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן גְרוֹיס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, דֶעמָאלְט שְׁפֵּייעֶן זֵיי דִי עֶלְטֶערְן אִין פָּנִים.

לֶערְן דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶועסְטוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ", זַיי מְחַנֵּךְ דַיין זוּן, "וִינִיחֶךָ", וֶועסְטוּ הָאבְן מְנוּחָה פוּן אִים, "וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", עֶר וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד און אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער

תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן וֶועלְן נָאר דִיר דִינֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן מַיינֶע פָּשׁוּט'ע תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן גֶעבּ מִיר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין דָּבוּק צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי פַּאר מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה אוּן יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דָאס אִיז אַלֶעס אִין אַייעֶר זְכוּת, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי פַּאר דִי מִקְוֶה. אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם זִיבְּן אַזֵייגֶער אוּן אִיךְ דַאוֶוען אוּם נַיין אַזֵייגֶער. בִּיז דֶעמָאלְט גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן צֶען מִינוּט פַאר'ן דַאוֶוענֶען גֵיי אִיךְ אִין מִקְוֶה. וֶוען אִיךְ דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה ווֵייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג לֶערְנֶען תּוֹרָה אֵיידֶער אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה; הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֵיינְט אַ צֵייטוּנְג פַאר אַ שָׁעָה, אַנְשְׁטָאט צוּ לֶערְנֶען, ווַייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין מִקְוֶה.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶעם?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועֶן זֵייעֶר נִזְהָר אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט.

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז מֶען זָאל גֵיין גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה - דַארְף מֶען דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער גֵיין אִין מִקְוֶה; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט אוּן דַאוֶונֶען נִישְׁט וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִקְוֶה.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין מִקְוֶה, הָאסְטוּ גֶעלֵיינְט אַ צֵייטוּנְג; אוֹיף דֶעם זָאגְט שׁוֹין דֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקמז): ״יֵשׁ אֲנָשִׁים שֶׁבִּשְׁבִיל חוּמְרָא אַחַת - מְבַטְּלִין הַרְבֵּה מְאֹד מֵעֲבוֹדַת ה׳, כִּמְעַט הַכֹּל״, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס צוּלִיבּ אַ חוּמְרָא פַארְלִירְן זֵיי אַלֶעס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה אָדֶער מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין וְכוּ׳ - טָאר מֶען נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה לֵיינְט מֶען נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְגֶען; צֵייטוּנְגֶען זֶענֶען מְטַמֵּא דֶעם מֶענְטְשׁ בְּמַגָּע וּבְמַשָּׂא.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, אָדֶער מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן מֶען וִויל זַיין נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא - קֶען מֶען בִּשְׁעַת הַדְּחָק יוֹצֵא זַיין מִיט ט׳ קַבִּין, מֶען שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי שׁוֹיעֶר פַאר פִינְף מִינוּט, אַזוֹי הָאט מֶען כָאטְשִׁיג ט׳ קַבִּין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי מֵיידְל הָאט אֶפְשָׁר אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דִי מֵיידְל הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער נִישְׁט, אָבֶער עֶס אִיז דָא אַ חֲשַׁשׁ אַז יָא, מֶען מֶעג אוֹיסְהֶערְן אַזָא שִׁידוּךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אִיר אוֹיבּ זִי אִיז אַ בַּעֲלַת מִידוֹת טוֹבוֹת, צִי זִי אִיז אַ יִרְאַת שָׁמַיִם און צִי זִי אִיז אַ גֶעזוּנְטֶע; דִי דְרֵיי זַאכְן זָאל דִיר אִינְטֶערֶעסִירְן, גוּטֶע מִידוֹת, יִרְאַת שָׁמַיִם און אַ גֶעזוּנְטֶע; מֶער פוּן דֶעם זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין.

אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר 'דָאס אִיז אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ', - זָאלְסְטוּ זִיךְ גֵיין טְרֶעפְן און זֶען אוֹיבּ אִיז דָא חֵן צְוִוישְׁן אַייךְ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁלָאפְן מַיין מַזָל אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ גֶענוּג צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם הֶערְלִיכְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָאס יָאר אִין אוּמַאן אִין דֶעם הֵיילִיגְן זוּיבֶּערְן לֶעבְטִיגְן זִיסְן בִּנְיַן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין אוּמַאן. יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע סְעוּדוֹת, פַאר דִי דְרָשׁוֹת אוּן פַאר דִי דַאוֶוענֶען. יֶעדֶע רִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן שְׁטִיקֶער גֶעזוּנְט אוּן לֶעבְּן פַאר אַ גַאנְץ יָאר.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן מַמָּשׁ מִיט דִי נְשָׁמָה אִין דִי הֶענְט, נָאכְ'ן זִיךְ וַואלְגֶערְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ סְטַאפּ, אוּן כִּמְעַט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פְלִיעֶן, אוּן פָארְן נְסִיעוֹת הַמְּפַרְכֶּסֶת אֶת הַגּוּף, דָאס בְּעֶרֶךְ הֵייסְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אוֹיפְזַיין פוּן וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי דִי טָאג וָואס אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן בִּיזְן אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אוֹיפְגֶעוֶועקְט מַיין אִינְגְל בַּיים עֲלוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דִי טָאג גֶעפָארְן, דִי תְּפִילּוֹת, דִי סְעוּדוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט לֵייגְן שְׁלָאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְמִיטְן טָאג. בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעפִילְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעבְלִיבְּן אִין בֶּעט אוּן קוֹים זִיךְ גֶעקֶענְט רִירְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי צְווֵייטֶע טָאג הָאט אִיךְ פַארְפַאסְט דָאס דַאוֶוענֶען מִיט דִי תְּקִיעוֹת אוּן סְעוּדוֹת, אִיךְ בִּין גֶעלִיגְן קְרַאנְק אִין בֶּעט.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דִי זַאךְ פוּן וֶוער עֶס פַארְשְׁלָאפְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְשְׁלָאפְט זַיין מַזָל, אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען מוּז טוּן, מֶען טָאר שׁוֹין נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיים עֲלוֹת, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאפְן אִינְמִיטְן טָאג, אָדֶער אִיז דָא אַ אוֹיסְנַאם? ווַייל אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז דָאס יָאר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁלָאפְן מַיין מַזָל.

דָאס יָאר אִיז שׁוֹין סַיי ווִי דֶערְנָאךְ, אִיךְ ווִיל וִויסְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין אַזַא פַאל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן שִׁיעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן? דוּ דַארְפְסְט זַיין גָאר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): ״מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לִשְׂמוֹחַ מְאֹד כָּל הַשָּׁנָה״, וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

וָואס דַארְפְסְטוּ יֶעצְט זוּכְן ווִי דוּ קֶענְסְט דַאֲגָה׳נֶען? וָואס אִיז דִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): ״שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן״, אַלֶע קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֲפִילוּ דִי וָואס קֶענֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין תִּיקוּן דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר, ״אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן״, דָאךְ קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֵייעֶר תִּיקוּן, ״אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים״, אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין דוּרְכְן יָאר, דָאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען דֶער רֶבִּי יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין, ״כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת״.

זַיי פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ זִיס יָאר.

...

**תִּיקוּן הַכְּלָלִי קֶען פַארְעֶכְטְן אוֹיךְ אַלְטֶע עֲבֵירוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי הֶעלְפְט אוֹיךְ צוּ פַארְעֶכְטְן אַלְטֶע

פְּגָמִים, אָדֶער הֶעלְפְט עֶס נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס גֶעזָאגְט אִין יֶענֶעם טָאג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען - אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס הָאט אַ שַׁיְיכוּת מִיט פְּגַם הַבְּרִית; אֵיינְמָאל מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - [טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] - אִיז דָאס אַ תִּיקוּן גָּמוּר פַאר פְּגַם הַבְּרִית, מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רה) דֶער עִיקָּר תִּיקוּן הַבְּרִית - מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, נָאר מֶען זָאל זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ נֵייעֶם מֹחַ, אַ רֵיינֶעם מֹחַ.

דִי אַלֶע וָואס פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס הֶעלְפְט אוֹיךְ פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט בְּמֵזִיד; מוֹהֲרַ״ש זָאגְט בְּפֵירוּשׁ בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״אֵין דָּבָר כָּזֶה, שׁוּם בַּר יִשְׂרָאֵל לֹא חוֹטֵא בְּמֵזִיד״, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי מֵזִיד, קַיין שׁוּם אִיד זִינְדִיגְט נִישְׁט בְּמֵזִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן פט) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): ״עֲבֵירָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵירָה״, וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין אֵיין עֲבֵירָה וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין נָאךְ אַן עֲבֵירָה, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַן עֲבֵירָה אֵיינְמָאל בְּשׁוֹגֵג - וֶוערְט מֶען אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין נָאךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, זָאגְט מוֹהֲרַ״ש: ״אֵין דָּבָר כָּזֶה שֶׁיְּהוּדִי שֶׁנִּשְׁמָתוֹ נִמְשֶׁכֶת וּדְבוּקָה בְּחַי הַחַיִּים בּוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁיֶּחְטָא בְּמֵזִיד״, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ אִיד וָואס אִיז בַּאהַאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זִינְדִיגְן בְּמֵזִיד, ״אֶלָּא הַחֵטְא הָרִאשׁוֹן שֶׁחָטָא בְּשׁוֹגֵג מוֹשֵׁךְ אוֹתוֹ לַחֲטֹא עוֹד חֲטָאִים וְכוּ׳״, נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירָה שְׁלֶעפְּט אוּן שְׁלֶעפְּט צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ עֲבֵירוֹת,

מוֹהֲרָא״ש פִּירְט אוֹיס: ״וְעַל יְדֵי זֶה יֵשׁ לְלַמֵּד זְכוּת עַל כָּל בַּר יִשְׂרָאֵל וְלִמְצֹא אֶת הַטּוֹב שֶׁבּוֹ, כִּי הוּא לֹא חָטָא בְּמֵזִיד כְּלַל, אֶלָּא נִכְשָׁל בְּעָווֹן בְּשׁוֹגֵג, וְעַל יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ שֶׁיַּעֲשֶׂה עוֹד חֲטָאִים וְכוּ׳״, דָאס אִיז אַ לִימוּד זְכוּת פַּאר יֶעדְן אִיד, קַיין שׁוּם אִיד וִויל נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטְס, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, נָאר מֶען וֶוערְט פַּארְשְׁלֶעפְּט פוּן אֵיין שׁוֹגֵג צוּ נָאךְ עֲבֵירוֹת.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַּארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּ אִיז דִי חֲזַ״ל אָז אַ בַּת קוֹל הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דָּוִד הַמֶּלֶךְ ״עֶר רוּפְט מִיר טַאטֶע״?

## שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִי הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, יְיַשֶׁר כֹּחַ

אִי הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי סוּכָּה, אִיבֶּער דֶעם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַ מֶדְרָשׁ אוֹיפְ'ן פָּסוּק "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה", אַז דִי סַנְהֶדְרִין הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְשְׁלִיסְן דָּוִד הַמֶּלֶ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן סְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ בַּת קוֹל פוּן אוּנְטֶער זֵייעֶרֶע בֶּענְקְלֶעךְ: "עֶר רוּפְט מִיר טַאטֶע - הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה".

אִי הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר צוּצֵייכֶענֶען וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט דָאס אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וַוייל דָאס וָוארְט אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זִיסֶע וָוארְט, אוּן אִי הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זוּכְן דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל, אוּן דֶערְוַוייל הָאבּ אִי עֶס נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דֶערְמַאנְסְט מִיר מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן, תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּתִי אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. דָאס הָאט אַזוֹי גֶעשְׁטַארְקְט מַיין הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל כֹּחַ צוּ פְּרוּבִּירְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן נָאר דִי אֵיינֶע וָוארְט: "טַאטֶע, טַאטֶע!"

וִוי הוֹיךְ אוּן חָשׁוּב אִיז אִין הִימְל וֶוען מֶען זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע!" דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר דַארְף אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע - שְׁטֵייט הֶעכֶער פוּן אַלֶעמֶען, הֶעכֶער פוּן דִי סַנְהֶדְרִין וָואס זֵיי זֶענֶען דִי הֶעכְסְטֶע, עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן זֵיי, וַוייל (תְּהִלִּים פט, כז): "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי".

קוּק אַריין אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ח, מִכְתָּב תתקכ), אֵיינֶער פְּרֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ דִי שְׁאֵלָה: "חִפַּשְׂתִּי בְּכָל הַמִּדְרָשִׁים, וְלֹא מָצָאתִי אֶת הַמִּדְרָשׁ הַנּוֹרָא שֶׁמּוּבָא כִּמְעַט בְּכָל סֵפֶר שֶׁנִּדְפַּס מִמּוֹהֲרַא"שׁ שְׁלִיטָ"א - עַל הַפָּסוּק בִּתְהִלִּים: 'הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי'", אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אִין אַלֶע מֶדְרָשִׁים דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מֶדְרָשׁ וָואס מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְ'ן פָּסוּק 'הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי', אַז וֶוען דִי סַנְהֶדְרִין הָאבְּן גֶעוָואלְט דַן זַיין דָוִד הַמֶּלֶךְ, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט פַּסְלְ'ן פוּן זַיין אַ אִיד - אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן אוּנְטֶער זֵייעֶר בֶּענְקְל אוּן גֶעזָאגְט, אִיר זֶענְט אִים דַן? עֶר רוּפְט מִיר טַאטֶע! דֶער פְּרֶעגֶער פְּרֶעגְט: "יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי", אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אוּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, "אֶהְיֶה אֲסִיר תּוֹדָה, אִם הַצַּדִּיק יַחֲזִיר לִי תְּשׁוּבָה - הֵיכָן נִמְצָא הַמַּאֲמָר הַזֶּה", אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ מוֹהֲרַא"שׁ וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן וואוּ דָאס שְׁטֵייט.

אוּן מוֹהֲרַא"שׁ עֶנְטְפֶערְט אִים, עֶס אִיז אַ מֶדְרָשׁ אִין אוֹצַר הַמִּדְרָשִׁים, אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶס אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי סַנְהֶדְרִין: "אִיר ווִילְט זָאגְן אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ עֶר אִיז

נִישְׁט קַיין אִיד? עֶר רוּפְט מִיר טַאטֶע!" אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְבָמוֹת עו:) אַז דוֹאֵג הָאֲדוֹמִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, אֵיידֶער דֶער קֶענִיג אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ אוֹיף דָוִד אוֹיבּ עֶר אִיז פַּאסִיג צוּ זַיין אַ קֶענִיג, זָאל מֶען עֶרְשְׁט מְבָרֵר זַיין אוֹיבּ עֶר אִיז בִּכְלַל רָאוּי צוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה. דוֹאֵג הָאֲדוֹמִי אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי בֵּית דִין פוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַּסְלְ'ן דָוִד הַמֶּלֶךְ לָבוֹא בְּקָהָל וְכוּ', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אֲחִיתֹפֶל, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה.

מוֹהֲרָא"שׁ פִּירְט אוֹיס: "ווארוּיל אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם; וַוייל דֶער וָואס רוֹדְפְ'ט אַ צְוֵוייטְן וֶועט בַּיים סוֹף שְׁטַארְבְּן מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פַאר אַלֶעמֶען, אַזוֹי וִוי דוֹאֵג אוּן אֲחִיתֹפֶל".

מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיו: "אַשְׁרֵי הָאָדָם שֶׁזּוֹכֶה תָּמִיד לְהִתְחַבֵּא אֵצֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁאָז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעַצְמוֹ יִשְׁמֹר עָלָיו, וְיַפִּיל אֶת שׂוֹנְאָיו לְפָנָיו", וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיינֶע פַיינְט וֶועלְן הָאבְּן אַ מַפָּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְן מִיר מַאכְן מְלַוֶּה מַלְכָּה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי אִין דִי ווִינְטֶער וָואכְן צוּ מַאכְן יֶעדֶע וָואךְ אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה אִין שׁוּל פַאר דִי מִתְפַּלְּלִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מַאכְן מְלַוֶּה מַלְכָּה. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ״ח, יב): "וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה, וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה", סֻלָּ״ם אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: סְ׳עוּדַּת לְ׳וַיָּה מַ׳לְכָּה. דָאס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס גֵייט בִּיזְן הִימְל; דָא אִיז עֶס מֻצָּב אַרְצָה, מֶען אִיז מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם, אָבֶּער אִין הִימְל אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב. נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, דֶער נָאמֶען פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם אִיז סְ׳עוּדַּת מְ׳לַוֶּה מַלְכָּה אֵ׳ין לַ׳עֲשׂוֹת, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם לֵייגְט זִיךְ אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין מְלַוֶּה מַלְכָּה, יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, אַבִּי נִישְׁט טוּן דִי הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן ש): "לְעוֹלָם יְסַדֵּר אָדָם שֻׁלְחָנוֹ בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת כְּדֵי לְלַווֹּת אֶת הַשַּׁבָּת, אֲפִילוּ אֵינוֹ צָרִיךְ אֶלָּא לִכְזַיִת".

דַארְפְסְט אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל רֶעדְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֲפָצָה אִיז מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; יֶעדֶעס מָאל מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֲפָצָה - בְּרֶענְגְט דָאס אַ רֵיינֶע מֹחַ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רלד): "עַל יְדֵי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים נִטְהָר הַמֹּחַ מַחְשָׁבָה, וְזוֹכֶה לְמוֹחִין נְקִיִּים", דוּרְךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים בַּאקוּמְט מֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן מֶען טְרַאכְט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קְנ״ז): "עַל יְדֵי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, עַל יְדֵי זֶה זוֹכִים לְהִתְקָרֵב לָהֶם", אַז מֶען לֶערְנְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם צַדִּיק; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת בְּגָדִים, חֵלֶק ב׳, סִימָן א׳): "עַל יְדֵי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים מַמְשִׁיכִים אוֹר שֶׁל מָשִׁיחַ בָּעוֹלָם, וְדוֹחֶה הַרְבֵּה חוֹשֶׁךְ וְצָרוֹת מִן הָעוֹלָם, גַּם זוֹכֶה לִבְגָדִים נָאִים", אַז מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן מָשִׁיחַ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מֶען נֶעמְט אַוֶועק אַסַאךְ צָרוֹת פוּן דִי וֶועלְט, אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער.

אַז מֶען וֶועט מַאכְן אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה אוּן מֶען וֶועט רֶעדְן דִיבּוּרֵי תַּכְלִית, סִפּוּרֵי הֲפָצָה, דֶעמָאלְט אִיז כְּדַאי צוּ מַאכְן מְלַוֶּה מַלְכָּה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס צִיט מִיר צוּרִיק צוּ גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין לֵיידֶער נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת מִיט פְּרֶעמְדֶע, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן? אוּן נָאךְ עֶרְגֶער אִיז אַז עֶס צִיעֶט מִיר נָאכְאַלְץ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דִי עֲבֵירוֹת, שׁוֹין אַפָּאר חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז אַ שַׁאנְד אוּן אַ שֶׁעם צוּ הֶערְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן אַז דוּ ווִילְסְט נָאכְאַמָאל טוּן דִי עֲבֵירָה, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כ, י): "וְאִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת אֵשֶׁת אִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת אֵשֶׁת רֵעֵהוּ מוֹת יוּמַת הַנֹּאֵף וְהַנֹּאָפֶת", וֶוער עֶס טוּט עֲבֵירוֹת מִיט פְּרֶעמְדֶע דַארְף מֶען בֵּיידֶע הַרְגְ'עֶנֶען; וָואלְט יֶעצְט גֶעוֶוען דִי סַנְהֶדְרִין וָואלְטְן זֵיי מְקַיֵּים גֶעוֶוען מִיט דִיר אוּן מִיט יֶענֶעם - וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט: "מוֹת יוּמַת".

אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין סַנְהֶדְרִין - דַארְפְסְטוּ צִיטֶערְן פַאר דַיין לֶעבְן, עֶס גֵייט נָאךְ אָן הַיינְט ד' מִיתוֹת בֵּית דִּין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת ל:) כָאטְשִׁיג מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין סַנְהֶדְרִין, "אַרְבַּע מִיתוֹת לֹא בָּטְלוּ", אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט וַוייטֶער מִיט דִי ד' מִיתוֹת בֵּית

דִּין; וֶוער עֶס אִיז חַיָּיב "סְקִילָה" - אָדֶער פַאלְט עֶר אַרָאפּ פוּן אַ דַאךְ אָדֶער וֶוערְט עֶר פַארְצִיקְט דוּרְךְ אַ חַיָּ', וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָּב "שְׂרֵפָה" - אָדֶער וֶוערְט עֶר פַארְבְּרֶענְט אָדֶער וֶוערְט עֶר גֶעבִּיסְן דוּרְךְ אַ שְׁלַאנְג, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מְחוּיָּב "הֶרֶג" - אָדֶער וֶוערְט עֶר אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן לַמַּלְכוּת אָדֶער אִין דִי הֶענְט פוּן רוֹיבֶּערְס, אוּן וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָּב "חֶנֶק" - אָדֶער וֶוערְט עֶר דֶערְטְרָאנְקֶען אִין וַואסֶער אָדֶער שְׁטַארְבְּט עֶר בְּמִיתַת סְרוּנְכִי.

וַויי צוּ דִיר, וַויי! וַויי וָואס וַוארְט דִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן! דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, מֶען הֶערְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַייֶעס, עֶס פַּאסִירְן אוּמְגְלִיקְן - מֶען וַוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט וְכוּ' וְכוּ'; שֹׁמּוּ שָׁמַיִם, ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ גֵיין מִיט אַ פְרֶעמְדֶע פְּרוּי?!

מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָה כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעראַל!

וָואס מֵיינְסְטוּ, ווִי לַאנְג קֶען מֶען טוּן עֲבֵירוֹת בְּסוֹד? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת רֶעדְן זִיךְ אַיין אוּן טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען', זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז דִי צְנִיעוּת בַּיי מַיין שְׁוִויגֶער'ס הוֹיז אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיינֶע שְׁוֶועגֶערִינְס אוּן אוֹיךְ מַיין שְׁוִויגֶער גֵייעָן נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי צְנִיעוּת'דִיג, מִיט צוּגֶעפַּאסְטֶע קוּרְצֶע קְלֵיידֶער אוּן נִישְׁט צוּ דִיקֶע שְׁטְרִימְפּ, אוּן דָאס גְלַייכְן; אוּן כִּמְעַט אַלֶעמָאל וָואס אִיךְ קוּם צוּ זֵייעֶר הוֹיז וֶוער אִיךְ נִכְשָׁל אִין זֶען פִּיס פוּן פְרוֹיעֶן וֶוען זֵיי זִיצְן אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי קְלֵייד הֶעכֶער דִי קְנִי, אָדֶער וִוי אֵיינֶע פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ לִיגְט אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי סָאפֶע מִיט דִי קְלֵייד אוֹיפְגֶעהוֹיבְן.

אוֹיךְ קֶענֶען זֵיי זִינְגֶען וֶוען אִיךְ בִּין דָארְט, זֵיי קֶענֶען מִיטְזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, אוּן אוֹיב וֶועל אִיךְ זֵיי דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא פְרֶעמְדֶע מֶענֶער וֶועט עֶס הֶעלְפְן קוּים פַּאר צְוֵויי מִינוּט, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַּאר מַיין שְׁוִויגֶער קֶען אִיךְ בִּכְלַל גָארְנִישְׁט זָאגְן.

דָאס אַז מַיין וַוייבּ טוּט זִיךְ אָן מֶער צְנִיעוּת'דִיג פוּן אַלֶע אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אִיז מַמָּשׁ אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן אִיר, זִי ווִיל זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ צְנִיעוּת, אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען אַלֶע גֵייעָן אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אוּן זִי אִיז אַנְדֶערְשׁ, אוּן אוֹיךְ דִי נַייעֶ מָאדֶע פוּן יֶעדֶע סֶעזָאן רֶעכְנְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מִיט דִי כְּלָלִים פוּן צְנִיעוּת, אוּן זִי ווִיל נִישְׁט בְּלַייבְן אוּנְטֶערְשְׁטֶעלִיג; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַן עֵצָה פַּאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זָאגְן דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער. וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ זֵיי זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין דֶער זַייט אֵיידְל, נֶעם אַ סֵפֶר, בַּאשֶׁעפְטִיג זִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן גָארְנִישְׁט, עֶס וֶועט זֵייעֶר וֵויי טוּן דַיין וַוייבּ אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה. זוּךְ נִישְׁט אִיבֶּערְצוּמַאכְן דִי וֶועלְט, מַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּער. דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען דַיין וַוייבּ אַז זִי אִיז**

אֵיידְל און אַז זִי פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ זַיין שְׁטַארְק און נִישְׁט פַאלְן פַאר אִירֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער.

דִי חִיזוּק זָאל זַיין מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט אוֹיף אַ וֶועג פוּן אוּנְטֶערְרַייסְן אִירֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער און אִיר מַאמֶע; זָאלְסְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵוי טוּן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִיזוּק וֶוען מֶען זָאגְט פַאר דִי וַוייבּ: "אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט וִוי דַיין מַאמֶע און שְׁוֶועסְטֶערְס", דָאס צִיפְּט אִין הַארְץ; דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר זָאגְן וִוי פְרֵיילִיךְ דוּ בִּיסְט אַז זִי אִיז אֵיידְל.

נָאכְמָאל, לָאז אָפּ דֶעם וֶועג; זוּךְ נִישְׁט צוּ פַארְרֶעכְטְן יֶענֶעם, פַארְרֶעכְט זִיךְ אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי מַאמֶע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף הִילְף, אִיךְ און מַיין וַוייבּ אַרְבֶּעטְן שְׁטַארְק מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶע וֶועג, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

מַיין וַוייבּ בֶּעט מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן וֶוען זִי הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער, עֶס גֶעבְּט אִיר דִי גֶעפִיל וִוי אַ קִינְד, אַז זִי דַארְף הִילְף; און אִיךְ טוּ טַאקֶע אַזוֹי, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר צוּמָאל אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין וִוי אַ קְרִיגֶערַיי, הַאלְט אִיךְ זִיךְ אַיין מִיט אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת צוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל.

דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, נָאכְדֶעם וָואס מַיין וַוייבּ און מַיין בָּחוּר הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט פַאר אִיבֶּער צֶען מִינוּט און אִיךְ הָאבּ אִים דֶערְלַאנְגְט. אַמָאל וָואלְט עֶר גֶעכַאפְּט צוּם גֶעדֶענְקֶען און אִיךְ וָואלְט נָאךְ גֶעהַאלְטְן אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, אָבֶּער הַיינְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בִּין אִיךְ מַמָשׁ אוֹיס מֶענְטְשׁ אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן.

אִיךְ בֶּעט בְּכָל לְשׁוֹן שֶׁל בַּקָשָׁה דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן און גֶעבְּן

אַ תְּשׁוּבָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען, בִּיטֶע הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין זוּן רֶעדְט מִיט חוּצְפָּה צוּ דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ אִים גְלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן מְחַנֵךְ זַיין, אוּן אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר אַז זִי קֶען זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ אִיר מַסְבִּיר זַיין (נִישְׁט דֶעמָאלְט; אָדֶער פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער): "אִיךְ דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין, אִיךְ דַארְף אִים לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ", נִישְׁט אַז זִי אִיז אַ קִינְד וֶוען זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן אַלֵיינְס, אֲפִילוּ עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ פְרֶעמְדֶע קִינְד וָואס רֶעדְט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה - דַארְף מֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן אִים לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דָא אִיז דִי פְּלַאץ אוֹיפְצוּקְלֶערְן עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג; קִינְדֶער בַּיי דִי צְוֵויי יָאר דַארְפְן שׁוֹין וִויסְן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ טַאטֶע מַאמֶע "נֵיין!" וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט יָא אִיז יָא אוּן וֶוען מֶען זָאגְט נֵיין אִיז נֵיין.

חִינוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶס נוּצְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע כֹּחַ; דָאךְ לוֹינְט זִיךְ דָאס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, יז): "יַסֵּר בִּנְךָ", שְׁטְרָאף דַיין זוּן, "וִינִיחֶךָ", וֶועט עֶר דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת, "וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ", עֶר וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים; וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים, וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אוֹיפְרֶעגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה מִיט דִי תְּפִילִין נָאכְן דַאוֶונֶען

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעב דִיר אַ מַתָּנָה אַ סֶעט שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים, מְחַבֵּר רְמָ״א. זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִיט דִי תְּפִילִין נָאכְן דַאוֶונֶען - אַן הֲלָכָה, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַן הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט).

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), **עוֹלָמְךָ תִּרְאֶה בְּחַיֶּיךָ!**

...

## תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִּים גֶעבְּט מֹחַ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**
**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִּים גֶעבְּט מֹחַ; אַלֶעס וֶוערְט גוּט דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים.

אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט; עֶס טוּישְׁט דִי טֶבַע, עֶס טוּישְׁט דִי בְּרִיאָה.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת בֵּיצָה אוּן מָארְגְן הֵייבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, וֶועק זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, לָאז נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג אָן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קו:) ״גְּמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא״, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים: ״גְּמָרָא גְמוֹר״ - אַז מֶען אִיז גוֹרֵס דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער, דֶעמָאלְט: ״זְמוֹרְתָּא תְּהֵא״ - פַארְשְׁנֵיידְט דָאס אַלֶע קְלִיפּוֹת הַסּוֹבְבִים אֶת הַשׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ חַזֶרְ׳ן אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז דִי רְפוּאָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן תַּאֲוֹות נִיאוּף. וֶוען דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, דוּ זָאגְסְט ׳שְׁמַע יִשְׂרָאֵל׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן לו): ״אִם הוּא, חַס וְשָׁלוֹם, רָגִיל בְּהִרְהוּר שֶׁל הַתַּאֲוָה הַכְּלָלִיּוּת, רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אוֹיבּ מֶען אִיז אַזוֹי טִיף אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי תַּאֲוָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, ״וְאֵינוֹ יָכוֹל לְהַפְרִיד מִמֶּנָּה״, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, ״אֲזַי צָרִיךְ גַּם כֵּן לְהוֹרִיד דְּמָעוֹת בִּשְׁעַת קַבָּלַת מַלְכוּת שָׁמַיִם״, זָאל מֶען וֵויינֶען וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע; דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה פוּן דִי תַּאֲוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת, הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן אַ מַתָּנָה פַאר׳ן חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ חַזֶר׳ן דֶעם סֵפֶר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, וַוייל מֶען מוּז הִיטְן דִי הֲלָכוֹת; נָאר אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת - הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה יֶעדְן טָאג דִי הֲלָכוֹת פוּן הַרְחָקָה אוּן וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט רֵיין.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ נֶעמֶען אַ רוֹימֶערְקֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ צוּ קוֹיפְן דִי הוֹיז; דִי הַנְהָלָה זָאגְט אַז דִי הוֹיז אִיז נִיטְאַמָאל וֶוערְד צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, מֶערְסְטְנְס הוּנְדֶערְט זִיבֶּעצִיג, אוּן דִי גוֹיִם ווִילְן פַאר דֶעם צְוֵויי הוּנְדֶערְט פֶערְצִיג, אִיז מִמֵּילָא נִישְׁט שַׁיָיךְ דָאס צוּ קוֹיפְן. מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן קַיין הַייזֶער אִין שְׁטֶעטְל אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה נָאר אַז מֶען קוֹיפְט דָאס דוּרְךְ דִי הַנְהָלָה.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען גוֹי׳טֶעס; אַוַדאי זָאלְט אִיר נֶעמֶען אַ גוֹי׳טֶע זָאל אַייךְ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט; אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע זָאל הָאבְּן כֹּחַ - אִיז ווִיכְטִיגֶער וִוי דִי פָּאר דָאלֶער וָואס דִי גוֹי׳טֶעס נֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֶעבְּן אַסַאךְ נֶעמֶען פַאר אַ קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ נִישְׁט מֶער פוּן צְוַויי נֶעמֶען, מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַסַאךְ נֶעמֶען, מֶער נֶעמֶען - מֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; גֶעבּ אַ נָאמֶען נָאכְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן לֵייג צוּ אֵיין נָאמֶען נָאךְ אַ זֵיידֶע, נִישְׁט מֶער פוּן אֵיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען קֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט. מוֹהֲרַא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּנֶעם סֵפֶר אֵשֶׁל אַבְרָהָם פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבּוּטְשַׁאטְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רלח, סְעִיף ב) וָואס עֶר פַּסְקְ׳נְט אַז תְּהִלִּים מֶעג מֶען זָאגְן בַּיינַאכְט אוֹיךְ, וַוייל מֶען זָאגְט דָאס צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה; וַוייל אַלֶע וֵוייסְן אַז אִיר זֶענְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מֵיידְל, אַלֶע וֵוייסְן אַז אִיר אוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן וֶוען מֶען זֶעט ווִי אַ תַּלְמִידָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי מוֹיל פוּן אַלֶע מִתְנַגְּדִים, מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן מֶער קֶעגְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיבּ מֶען זָאגְט תִּיקוּן רָחֵל אִין אַ שְׁנַת הַשְּׁמִיטָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ מֶען זָאגְט דִי יָאר, אִין אַ שְׁנַת הַשְּׁמִיטָה בַּיי תִּיקוּן חֲצוֹת - תִּיקוּן רָחֵל, הֱיוֹת עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵּין סֵפֶר זִמְרַת הָאָרֶץ, סִימָן פד) אִין אַ שְׁנַת הַשְּׁמִיטָה זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן בַּיי תִּיקוּן חֲצוֹת תִּיקוּן רָחֵל, וַוייל אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פַּרְשַׁת שְׁלַח, דַּף קעא.) אַז שְׁמִיטָה אִיז אַ שְׁנַת שִׂמְחָה אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיז דִי יָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַזוֹי וִוי שַׁבָּת זָאגְט מֶען נִישְׁט קַיין תִּיקוּן רָחֵל זָאגְט מֶען דִי יָאר אוֹיךְ נִישְׁט.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְט מֶען אוֹיךְ דִי יָאר תִּיקוּן חֲצוֹת אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן, וַוייל מִיר זֶענֶען נָאךְ אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב, דֶערִיבֶּער בֶּעטְן מִיר וַוייטֶער אוֹיף צָרוֹת יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף גָלוּת הַשְּׁכִינָה; אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ צַייט פוּן שִׂמְחָה דַארְף מֶען וַוייטֶער וֵויינֶען אוֹיפְ׳ן חוּרְבָּן. מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט אַ רַאְיָ׳ פוּן דִי הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקס, סְעִיף ב) אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן אַלֶע עֶסְן בַּיי אַ שִׂמְחָה, מֶען דַארְף בִּשְׁעַת אַ שִׂמְחָה אִיבֶּערְלָאזְן אִין טֶעלֶער אַ זֵכֶר לַחֻרְבָּן, אַזוֹי אוֹיךְ טָאר אַ פְרוֹי נִישְׁט אָנְטוּן אוֹיף אֵיינְמָאל אַלֶע אִירֶע צִירוּנְגֶען אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ חֲתוּנָה לֵייגְט מֶען אוֹיפְ׳ן חָתָן אַבִּיסְל אַשׁ אוּן מֶען צֶעבְּרֶעכְט אַ טֶעלֶער; דָאס אַלֶעס מַאכְט מֶען אַלְס אַ זֵכֶר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קלז, ה-ו): ״אִם אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם וגו׳, אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי״; אַזוֹי אוֹיךְ אִין אַ שְׁמִיטָה יָאר זָאגְן מִיר וַוייטֶער תִּיקוּן חֲצוֹת אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן לֵיל שִׁישִׁי, וואוּ צוּ גֵיין, אָדֶער צוּ דִי חֲבוּרָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָדֶער צוּ דִי חֲבוּרָה פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים פוּן דִי קְהִילָּה וואוּ דוּ גֶעהֶערְסְט; קוּק וואוּ דוּ קֶענְסְט מֶער קוֹנֶה זַיין פַאר דִיר יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן חִיזוּק.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; תְּפִלָּה

וְהִתְבּוֹדְדוּת בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ וֶועלְכֶע בֶּעבִּיסִיטֶער מֶען שִׁיקְט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַז דִי בֶּעבִּיסִיטֶער טוּישְׁט נִישְׁט דָאס קִינְד, זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט אַהִין שִׁיקְן דָאס קִינְד.

אִיר הָאט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זוּכְט אַ נָארְמַאלֶע פְּרוֹי וָואס וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ׳ן קִינְד אוּן וֶוען מֶען דַארְף טוּישְׁן דָאס קִינְד וֶועט זִי דָאס טוּן, אָדֶער לָאזְט אָפּ אַייעֶר אַרְבֶּעט; וָואס דַארְפְט אִיר אַרְבֶּעטְן? אִיר דַארְפְט זַיין אַ מַאמֶע פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

עֶס אִיז דָא גוּטֶע בֶּעבִּיסִיטֶערְס, אָבֶּער עֶס אִיז דָא בֶּעבִּיסִיטֶערְס וָואס טוּעֶן גָארְנִישְׁט, זֵיי לָאזְן דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן, זֵיי פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר; זֵיי אִינְטֶערֶעסִירְט נָאר דִי פָּאר דָאלֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיבּ אִיר ווילְט בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ שִׁיקְן אַייעֶר קִינְד.

...

## בַּארֶעכְנְט אַייךְ וָואס אִיר ווילְט אִין לֶעבְּן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז אִיר זֶענְט אָפְּן מִיט מִיר, אִיר דֶערְצֵיילְט מִיר

אִינֶעם בְּרִיוּו אִיז אִיר הָאט אַ בַּאהַאלְטֶענֶע אֵייפָּאוֹן אוּן אַז אִיר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי פִּילְטֶער; זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין אָפְּן, אַזוֹי קֶען אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַייךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְּן אוּן בֶּעטְן פַאר אַייךְ.

אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן, זָאגְט מִיר דֶעם אֱמֶת, נָאךְ אַבִּיסְל זֶענְט אִיר אִין דִי יָארְן פוּן וֶוערְן אַ כַּלָּה, וָואס פַאר אַ חָתָן ווִילְט אִיר? אַ בָּחוּר וָואס הָאט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן קוּקְט אוֹיף אַלֶע עֶקֶלְדִיגֶע גוֹי'טֶעס? אַ בָּחוּר וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין שְׁמוּץ? אַ בָּחוּר וָואס וֶועט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַייךְ אוֹיסְשְׁפִּילְן? עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ עֶר דַארְף אַייךְ אוּן בֶּאֱמֶת וֶועט עֶר נֶעמֶען זַיין הַנָאָה פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת? אָדֶער אִיר דַארְפְט אַ רֵיינֶער בָּחוּר וָואס הִיט דִי אוֹיגְן, עֶר וֶועט נָאר קוּקְן אוֹיף אַייךְ, עֶר וֶועט נָאר אַייךְ דַארְפְן, נָאר אַייךְ וֶועלְן אוּן נָאר אַייךְ לִיבּ הָאבְן?

ווִיסְן זָאלְט אִיר, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", מֶען בְּרֶענְגְט אַ זִיווּג לוֹיט דִי מַעֲשִׂים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַז אִיר וֶועט זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי נִסָּיוֹן, אִיר וֶועט אָפְּלָאזְן דִי נַארִישֶׁע זַאכְן, וֶועט אַייעֶר מַאן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי זַאכְן, אוּן אַז נִישְׁט וֶועט דִי לֶעבְּן זַיין זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

אִיךְ גֵיי נִישְׁט זָאגְן פַאר קֵיינֶעם אַייעֶר עָבַר, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס אוּן זִיךְ חַבֶרְ'ן מִיט גוּטֶע מֵיידְלֶעךְ; גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ מַיין נָאר אַייעֶר גוּטְס, נָאר אִיר וֶועט בֶּענֶעפִיטִירְן אַז אִיר וֶועט זִיךְ הִיטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס.

אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ גוּטֶער בָּחוּר וָואס וֶועט אַייךְ זַיין גֶעטְרֵיי אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

שְׁרַייבְּט מִיר אַייעֶרֶע סִיוּמִים פוּן תְּהִלִּים, שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר גֵייט אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס; אִיר זֶענְט אַ גָאר גוּטֶע מֵיידְל, בְּלַייבְּט שְׁטַארְק.

...

## מֶען דַארְף גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּא׳טַעמְ׳ט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מַחֲלֹקֶת אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אוּן יֶעצְט זָאגְט דַיין וַוייבּ אַז זִי ווִיל מֶער נִישְׁט אַהִינְגֵיין, זִי קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי פַּאר׳סַמְ׳טֶע לוּפְט פוּן מַחֲלֹקֶת; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דַיין מַאמֶע אָדֶער מֶער נִישְׁט גֵיין.

דוּ רֶעד גָארְנִישְׁט צוּ דַיין מַאמֶע, חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אָדֶער וֵוייטוּן; זַיי מַסְבִּיר דַיין וַוייבּ שֵׁיינֶערְהֵייט ׳מִיר דַארְפְן גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּא׳טַעמְ׳ט׳, יֶעצְט זֶענְט אִיר יוּנְג גֵייט מֶען מֶער צוּ דִי עֶלְטֶערְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער גֵייט מֶען אַבִּיסְל וֵוייניגֶער, מֶען דַארְף טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק.

דוּ שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת; גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל פַאר אִים. קוּק וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶוען מֶען לֶעבְּט אָן אַ צַדִּיק, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ זֶען ווִי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן צוּגְרִינְד, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן חִיזוּק פַאר הֲפָצָה; וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס אֵיין קוּנְטְרֵס טוּט רַאטֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

## דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה

און עַרְבִית אִין צַייט מִיט מִנְיָן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי דְרַייִ תְּפִילּוֹת דָאס אִיז וָואס הַאלְט אַ אִיד אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דִי דְרַייִ תְּפִילּוֹת, דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח); בִּפְרַט אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף אִין צַייט קֶען אוֹיסְקוּמֶען מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן בָּרְכוּ, קְדוּשָּׁה און קַדִּישׁ אַ גַאנְץ יָאר; אִיז שׁוֹין כְּדַאי צוּרִיק צוּ קוּמֶען אִין שְׁטָאט ווִי אֵיידֶער צוּ הָאבְּן אַזַא סָארְט לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אִיז מְסוּגָּל פַאר פַּרְנָסָה; קֶען זַיין פְּשַׁט, אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, מֶען דַאוֶונְט - וֶועט מֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה, און אַז מֶען שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין - ווִי קֶען מֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה? אוֹיךְ שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דִי וַוייבּ זֶעט דֶעם מַאן שְׁלָאפְן בִּיז׳ן טָאג אַרַיין, נוּ וָואס קֶען מֶען עֶרְוַוארְטְן...

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, זָאלְסְט זִיךְ בַּאנֵייעֶן, גֵיין דַאוֶונֶען בִּזְמַן וּבְמִנְיָן.

...

## דִי קָאפּ זָאל זַיין אִין גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... **נֵרוֹ יָאִיר**

הֶער נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ און אַ גֶעזוּנְט לִיכְטִיג קִינְד; דַארְפְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר שֶׁענְקֶען נָאךְ גוּטְס.

זֶע אַז דַיין קָאפּ זָאל זַיין אִין גוּטֶע זַאכְן, דָאס הֵייסְט, אֲפִילּוּ דוּ דַארְפְסְט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, זָאל דִיר דַיין קָאפּ זַיין אִין תַּכְלִית. אָדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אָדֶער עוֹסֵק זַיין אִינְמִיטְן אַרְבֶּעט מִיט הֲפָצָה; וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אֵיינֶעם גֶעבּ יֶענֶעם אַ סֵפֶר וְכַדּוֹמֶה, אָדֶער בֶּענְק צוּם בֵּית

הַמֶּדְרָשׁ; וַוארְט צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען.

עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעאַרְבֶּעט כָּל יָמָיו אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט, גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעגְלִיסְט צוּ דֶעם; אִיז דָאס אַזוֹי ווִי עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן.

...

## עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן אַ בְּלַאט גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל חוֹדֶשׁ'לִיךְ; דִי פָּאר אִינְגֶעלַייט וָואס מִיר הָאבְּן אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ הֶעלְפְן תּוֹרָה. אִיךְ שְׁפִּיר פַאר אַ זְכִיָ׳ צוּ הָאבְּן דִי כּוֹלֵל, הֶעלְפְן אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען תּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל; זַיי שְׁטַארְק אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא, זֶע עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה מְ'זֶעוִויל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: ״אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט גְמָרָא, יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ הוּנְט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ״, אַמָאל הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן צוּם גַבְּאַי עֶר זָאל שְׁנֶעל קוּמֶען וַוייל אַ הוּנְט אִיז אִין שְׁטוּבּ, דֶער גַבְּאַי קוּמְט צוּ לוֹיפְן אוּן זֶעט אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דֶער צַדִיק וַוייזְט אוֹיף יֶענֶעם, עֶר זֶעט אוֹיס ווִי אַ הוּנְט; וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

...

## צֵייל נִישְׁט דִי טֶעג, יֶעדֶע מִינוּט הֵייב אָן פוּנְדַאסְנֵיי

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד. גֶעדֶענְק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): ״אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל״, אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, ״תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן״, גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

אַמָאל מֵיינְט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת דִינְט עֶר זִיךְ, עֶר וִויל קֶענֶען זָאגְן ״שׁוֹין זֶעקְס חֲדָשִׁים וָואס ׳אִיךְ׳ זִינְדִיג נִישְׁט״, ״שׁוֹין פֶערְצְן חֲדָשִׁים וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט פּוֹגֵם״, אוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ נָאכְדֶעם קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, מֶען וִויל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען; מֶען וִויל נִישְׁט דַאוֶונֶען, מֶען וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען; וַוייל בִּיז אַהֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעדִינְט, וָואלְט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט עֶר וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֲבֵירָה וָואלְט אִים נִישְׁט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, עֶר וָואלְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תנג): ״אָט וִוי אִיר זֶעט מִיר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, וָואלְט דָאס מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן, אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גֶעוֶוען אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיעֶר, דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן״.

בְּרוּדֶער, דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער וֶועג, צוּ צֵיילְן דִי טֶעג וִויפִיל טֶעג מֶען אִיז שְׁטַארְק, וִויפִיל טֶעג אִיךְ בִּין נִישְׁט פּוֹגֵם; אוּנְזֶער וֶועג אִיז יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע מִינוּט אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנֵיי זַיין גוּט.

...

## קוּם לֶערְנֶען אִין שׁוּל אִינְדֶערפְרִי אוּן בַּיינַאכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער קָאזִין אוּן תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ גֶעדֶענְק דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל פְלֶעגְסְטוּ קוּמֶען פַארְטָאגְס לֶערְנֶען, הָאסְט גֶעלֶערְנְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים צוּפְרִי פַארְ'ן דַאוֶונֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי מְחַיֶ'דִיג, דִי גַאנְצֶע טָאג, דִי גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ - אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ.

וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין, בַּאנֵיי זִיךְ, הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ; קוּם צוּפְרִי לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוֹיךְ בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן נב): "יַקְדִּים וְיַחְשִׁיךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת, עַל יְדֵי זֶה יַאֲרִיךְ יְמֵי בָנָיו", אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל אִינְדֶערפְרִי אוּן בַּיינַאכְט - וֶועלְן דִי קִינְדֶער לַאנְג לֶעבְן; וַוייל קִינְדֶער וָואס בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ פוּן קוּמֶען אִין שׁוּל בַּיינַאכְט אוּן צוּפְרִי - וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, וֶועלְן זֵיי לֶעבְן; וַוייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען דַאוֶונְט לֶעבְּט מֶען אַ חַיִּים טוֹבִים.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע מָאל דוּ מַאכְסְט אַ סִיוּם מִשְׁנָיוֹת, אַ סִיוּם מַסֶּכְתָּא, אַ סִיוּם אוֹיף אַ חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה.

...

## בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ אוֹיף תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'**

מַזָּל טוֹב פַאר עֶנְקֶער שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל מִיט לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ עֶנְקֶער שִׂמְחָה; אִיךְ וֶועל דָאס נָאךְ מְשַׁלֵּם זַיין בְּלִי נֶדֶר.

זֶעט צוּ בּוֹיעֶן עֶנְקֶער שְׁטוּבּ אוֹיף תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אַז אִיר ווִילְט אַייעֶר שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף שְׁטַארְקֶע יְסוֹדוֹת זָאלְט אִיר יֶעדֶע זַאךְ

פְרֶעגְן, גָארְנִישְׁט טוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל; יֶעדֶע שְׁאֵלָה זָאלְט אִיר פְרֶעגְן אַ דַיָּין אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ זָאלְט אִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַן עֶרְלִיכְן רָב, אַזוֹי וֶועט דֶער שְׁטוּב הָאבְּן אַ קִיּוּם.

...

## דֶערְמַאן מִיךְ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ וְויפִיל גֶעלְט אִיךְ קוּם דִיר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... טֵייעֶרְער**

אִיךְ בֶּעט דִיר, בִּיטֶע דֶערְמַאן מִיךְ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ וְויפִיל גֶעלְט אִיךְ קוּם דִיר; אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, אִיךְ קֶען פַארְגֶעסְן.

אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט זַיין שׁוּלְדִיג.

...

## לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף דִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע פְרַאגֶעס.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע: ׳וָואס זָאגְט מֶען מִיט קִינְדֶער בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה?׳ דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען גֵייט צוּבִּיסְלִיךְ. גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, פוּן צְוֵויי יָאר אַלְט - לֵיינְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה, וֶוען זֵיי זֶענֶען גָאר יוּנְג קֶענֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט מִיט זָאגְן, אָבֶּער זֵיי הֶערְן דָאס אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵיי, אוּן וֶוען זֵיי הֵייבְּן אָן רֶעדְן - קֶענֶען זֵיי שׁוֹין דִי חֵלֶק קְרִיאַת שְׁמַע, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקֶל, בִּיז זֵיי קֶענֶען שׁוֹין אַלֵיינְס לֵיינֶען, דֶעמָאלְט לֵיינֶען זֵיי דִי גַאנְצֶע קְרִיאַת שְׁמַע.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וֶועגְן הָאבְּן אַ מַאשִׁינְדְל וָואס מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אַ קַארְטְל אוּן זֶען זַאכְן; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דִי זַאכְן; נִישְׁט קַיין חִילוּק פַארְוָואס מֶען דַארְף עֶס, נָאר פַאר מוּזִיק אוּן נָאר פַאר דָאס אוּן יֶענְץ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין, עֶס אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן וִויאַזוֹי מֶען קֶען הֶערְן מוּזִיק אוֹיף אַ וֶועג וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען קַיין שׁוּם זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אַ מוֹסָד עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַוַדַאי זָאלְט אִיר זוּכְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ מוֹסָד וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֶרֶב רַב; וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ אִיד? דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר דִי קִינְדֶער, אוֹיפְצוּעֶן קִינְדֶער עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט דִי מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים.

אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶערֶעכְט, מֶען מוּז גֶעבְּן דִי קִינְדֶער אַן עֶרְלִיכֶע חִינוּךְ, אַ רֵיינֶע חִינוּךְ; אַ אִיד קוּקְט נִישְׁט וואו עֶר קֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע דִירָה, אַ גְרוֹיסֶע דִירָה, אַ בִּילִיגֶע דִירָה; אַ אִיד וואוֹינְט וואו עֶר קֶען גֶעבְּן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע, שֶׁענְסְטֶע אוּן רֵיינְסְטֶע חִינוּךְ.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער; תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, בִּפְרַט וֶוען דִי מַאמֶע טוּט אִירֶע מִצְוֹת, זִי אִיז מַפְרִישׁ חַלָּה, זִי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דֶעמָאלְט אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ בֶּעטְן פַאר דִי דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאזְט נִישְׁט מַאכְן אַייעֶר טָאכְטֶער פַאר אַ מֶענְטְל קֶעיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז זֵיי ווילְן מַאכְן אַייעֶר טָאכְטֶער פַאר אַ מֶענְטְל קֶעיס - זָאלְט אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען אַייעֶר טָאכְטֶער פוּן דִי סְקוּל. אִיר קֶענְט אִיר אַרִיבֶּער פִירְן זִי זָאל לֶערְנֶען אִין דִי זֶעלְבֶּע כִּתָּה מִיט אִיר צְווִילִינְג; עֶס וֶועט זֵיי נִישְׁט שָׁאטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם וֶוען גֶעשְׁוִויסְטֶער לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; דִי תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ לֵייגְן דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, עֶר הָאט זֵייעֶר לַאנְג גֶעוַוארְט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט אַלֶעס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ ווילְסְט הָאבְּן קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן".

וֶוער וֵוייסְט וָואס מֵיינְט אַ פִּדְיוֹן? אַ פִּדְיוֹן מֵיינְט אַז וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ

צַדִּיק בֶּעטְן אַ בְּרָכָה - גֶעבְּט מֶען אַ פִּדְיוֹן פַאר'ן צַדִּיק, מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר'ן צַדִּיק, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן".

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אַוַדַאי גֵיי אִיךְ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ פִּדְיוֹן, אִיךְ הָאבּ סַיי ווִי גֶעטְרַאכְט אַייךְ צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ פִּדְיוֹן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "גֶעלְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט, בְּרֶענְג מִיר זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ פַאר אַ פִּדְיוֹן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ פַארְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן זֶעקְס קִינְדֶער, פִינְף זִין אוּן אֵיין טָאכְטֶער.

לֵייג אַ בִּילְד ווִי אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ דַאשִׁיק בְּרֶענְגְט זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ, אוּן לֵייג דִי נֶעמֶען פוּן רֶבִּי נָתָן'ס קִינְדֶער אוֹיף דִי בֶּענְקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הֶערְט אוֹיף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן חֲלוֹמוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶרֶע חֲלוֹמוֹת וְכוּ'; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן, וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים דֶערְצֵיילְן חֲלוֹמוֹת: "עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ מִיר דֶערְצֵיילְן וָואס דוּ טְרַאכְסְט וֶוען דוּ בִּיסְט אוֹיף, ווִי אֵיידֶער צוּ הֶערְן דַיינֶע חֲלוֹמוֹת".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי צֶעדְרֵייטֶע זַאךְ פוּן רֶעדְן פוּן חֲלוֹמוֹת; מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, נָאר פוּן חֲלוֹמוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען חָלוֹמְ'ט זִיךְ עֶפֶּעס אוּן מֶען ווִיל דִי חָלוֹם זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן - דַארְף מֶען דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, נָאר טוּן וָואס דֶער רֶבִּי

זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת חָלוֹם, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "מִי שֶׁרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ חֲלוֹמוֹתָיו", וֶוער עֶס ווִיל זַיינֶע חֲלוֹמוֹת זָאלְן מְקוּיָּם וֶוערְן, "יִכְתֹּב אוֹתָם בְּפִנְקָסוֹ וְאֶת הַיּוֹם וְאֶת הַשָּׁעָה וְאֶת הַמָּקוֹם", זָאל דָאס פַארְשְׁרַייבְּן אִין אַ סֵפֶר, עֶר זָאל שְׁרַייבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען; דִי טָאג, דִי שָׁעָה און דִי פְּלַאץ; דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל רֶעדְן דֶערְפוּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הֶערְט אוֹיף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן חֲלוֹמוֹת; רֶעדְט מִיט אַלֶעמֶען שֵׁיינֶע וַואכֶעדִיגֶע זַאכְן, נִישְׁט פוּן דִמְיוֹנוֹת.

גֶעדֶענְקְט, מֶען חָלוֹמְ'ט וָואס מֶען טְרַאכְט בַּייטָאג.

...

## גֶעבּ פַאר דִי קִינְדֶער גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט קוֹיפְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַן אֵייפַּאָ"ד צוּ קֶענֶען שְׁפִּילְן גֶעימְ"ס; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ קוֹיפְן דִי זַאכְן פַאר קִינְדֶער, מוֹהֲרַאָ"ש זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע כֵּלִים.

דַארְפְסְט אָבֶּער זֶען זֵיי צוּ גֶעבְּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, נִישְׁט זֵיי זָאלְן זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן וֶוען אַלֶע שְׁכֵנִים שְׁפִּילְן מִיט דִי טֶעלֶעפָאוֹנְס און זֵייעֶרֶע אוֹיגְן קְרִיכְן אַרוֹיס פוּן קִנְאָה; גֶעבּ זֵיי זַאכְן מִיט וָואס זֵיי זָאלְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט.

הָאבּ שֵׂכֶל וְויאַזוֹי דוּ זָאגְסְט דָאס פַארְ'ן קִינְד, אַסַאךְ עֶלְטֶערְן שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר פְרֶעגְן אוֹיף גֶעווִיסֶע זַאכְן אוֹיבּ זֵיי מֶעגְן דָאס הָאבְּן, אִיךְ ווִיל זֵיי זָאגְן "נֵיין", אִיךְ ווִיל זֵיי זָאגְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן דֶער זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר 'מִיר אִיז ווִיכְטִיגֶער אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ וֶועלְן מְקַבֵּל זַיין אִין יְשִׁיבָה אַלֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זַיין דֶער שְׁלֶעכְטֶער וָואס זָאגְט נֵיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וֶועט עֶר נִישְׁט וֶועלְן אָנְנֶעמֶען וָואס עֶר הֶערְט

אִין יְשִׁיבָה׳, דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ מִיט שֵׂכֶל זֵיי אָנְפִילְן מִיט גוּטֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט זָאגְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה: ״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט״, פַארְוָואס זָאל עֶר אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ גֶעפִיל אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט אוּן נִישְׁט וֶועלְן מְקַבֵּל זַיין? אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט.

...

## מֶען דַארְף שְׁטִיצְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ שְׁטִיצְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאף אַז דוּ צִיסְט נִישְׁט אַרוֹיף דִי פְּרַייזְן, דוּ פַארְקוֹיפְסְט פַאר דִי גֶעהֶערִיגֶע פְּרַייז. גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ ווִיל מֶען זָאל שְׁטִיצְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ שְׁטִיצְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע קִינְדֶער; זָאג פַארְ׳ן מְלַמֵּד עֶר זָאל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת. אוֹיךְ דִי טִיטְשֶׁערְס; זָאג זֵיי זָאלְן דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת. אִיךְ וֵוייס אַז זֵיי זָאגְן אַלֶע דִי זֶעלְבֶּע נוּסָח פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן, עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר מְלַמְּדִים צוּ זָאגְן דֶעם טַאטְן אִין פָּנִים אַרַיין: ״דַיין זוּן אִיז אַ מְחוּצָף״, דֶערִיבֶּער זָאגְן זֵיי אַלֶע דִי זֶעלְבֶּע לִיגְנְט. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אָבֶּער דְרוּקְן דִי מְלַמְּדִים צוּם וַואנְט, הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ, בַּעֲלֵי מִידוֹת.

וֶוען דִי מְלַמְּדִים זָאגְן מִיר אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער גוּטֶע גְרוּסְן, זָאג אִיךְ זֵיי אַפָּאר מָאל: ״זָאג מִיר דֶעם אֱמֶת״, אוּן אִיךְ שְׁטֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ.

...

## זַיין אָפְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת .. תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אָפְן, אָבֶער דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, מֶער פוּן אַלֶעס.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַייעֶר מַאן הָאט אַייךְ גֶעזָאגְט אַ וָוארְט וָואס טוּט אַייךְ וֵויי, זָאלְט אִיר אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ, אָבֶער עֶס טוּט מִיר וֵויי דִי וָוארְט וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט", אָדֶער אוֹיבּ רֶעדְט עֶר צוּ אַייךְ נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, זָאלְט אִיר אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט דִיר, אָבֶער דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ מִיר טוּט מִיר וֵויי"; בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט דָאס אִיז טַאקֶע נִישְׁט דִי בַּא'טַעֲמְ'סְטֶע זַאךְ, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס גוּט.

אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ וואוּילֶער מַאן, סֵיי אִיר אוּן סֵיי אַייעֶר מַאן זֶענֶען זֵייעֶר וואוּלֶע מֶענְטְשְׁן; דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר קַאלְיֶע מַאכְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ, דָאס אִיז זַיין זַאךְ – מַחֲלֹקֶת!

זָאלְט אִיר שְׁטֵיין שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, נִישְׁט צוּ לָאזְן קַאלְיֶע מַאכְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט. הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן אַייעֶר מַאן, מֶען טָאר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין אוּן וֵוייךְ, זָאגְט אִים אַייעֶרֶע פִילִינְגְס – וֶועט אִיר וֶוערְן בֶּאֱמֶת נָאנְט מִיט אִים, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן צְוִוישְׁן עֶנְק.

מַאכְט זִיךְ צַייט יֶעדְן טָאג צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

...

## לֵייגְן דִי מִשְׁפָּחָה פַאר דִי בִּיזְנֶעס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת .. תִּחְיֶ'**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט גֶעלֵייגְט אַייעֶר בִּיזְנֶעס אִין דֶער

זַייט, יֶעצְט זֶענְט אִיר פַארְנוּמֶען מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה.

אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף זַיין אַ וַוייבּ פַאר'ן מַאן אוּן אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער; אוֹיבּ מֶען וִויל זַיין גֶעטְרֵיי פַאר'ן מַאן, אִים הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶער בִּתְנַאי עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי מִשְׁפָּחָה. קִינְדֶער וָואס בַּאקוּמֶען דִי הַרְגָּשָׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַז גֶעלְט אִיז דֶער עִיקָר - וֶועלְן אַריינְגַוואַרְפְן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף דִי עֶלְטֶער אִין אַ מוֹשַׁב זְקֵנִים, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעלְט.

דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר לֵייגְט דִי מִשְׁפָּחָה דָאס עֶרְשְׁטֶע בַּיי אַייעֶר לֶעבְּן.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ; אַזַא טַייעֶרֶע מַאן הָאט אִיר, מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער וֶועט אַייךְ נָאר צוּנִיץ קוּמֶען; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוִויסְט וָואס מֶען קוּמְט אָפּ מִיט בִּזְיוֹנוֹת, וָואס פַאר אַ דִינִים אוּן גְזֵירוֹת מֶען נֶעמְט אַוֶועק - וָואלְט מֶען גֶעזוּכְט נָאךְ אַבִּיסְל בִּזְיוֹנוֹת.

...


א רעוואלוציע
אין הפצת
ספרי ברסלב!
"אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים. עס זאל זיין יפוצו מעינתיך חוצה. איר זאלט זיין שטארק מיט 'געלט' מיט 'רצון' און מיט 'טירחא"
קרן הדפסה
"היכל הקודש"
להדפסת והפצת
ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים
בעולם
שם הבנין
נתנדב ע"י
הרה"ח ..... שליט"א
ערפילט דעם רבינ'ס רצון:
איר מעגט עוסק זיין אין אנדערע פרנסות אויך נאר דאס
זאלט איר זען תמיד צו טאן און צו טרענקען ביימער...
יבא חלקי בין מזכי הרבים
המזכים
קרן הבנין לרכישת
בנין בית הדפוס
קרן הדפסה
"היכל הקודש"
להדפסת והפצת
ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים
בעולם
נעמט א חלק אין
די נייע מאסיווע
"בית הדפוס" פון
קרן הדפסה
היכל הקודש
ברסלב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## אייִנְגֶענוּמֶען בְּרֶסְלֶב

„טַאטִי, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ לַאכֶעדִיגֶע זַאךְ אִין שׁוּל, אֵיינֶער פַּאטְשְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, הַא הַא עֶס אִיז אַזוֹי פָּאנִי!

אַלֶע קִינְדֶער לַאכְן; טַאקֶע, טַאקֶע, עֶר פַּאטְשְׁט; עֶס אִיז זֵייעֶר לַאכֶעדִיג.

דֶער טַאטֶע וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט און זָאגְט: „טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן, אָבֶער פַאר אִיךְ דֶערְצֵייל דִי מַעֲשֶׂה וִויל אִיךְ אַייךְ פְּרֶעגְן אַ פְּרַאגֶע, וֶוער וֵוייסְט וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין בְּרֶסְלֶב? „אִיךְ הָאבּ אַייְנְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט דוּרְךְ? ...״

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט?

קִינְדֶער טֵייעֶרֶע, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן עח) וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן

פַּאטְשְׁן בַּיים דַאוֶונֶען, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן שׁוּל אוּן גֶעזָאגְט: "רַבּוֹתַי, פַארְוָואס הֶערְט מֶען נִישְׁט פַּאטְשְׁן בַּיים דַאוֶונֶען? פַארְוָואס דַאוֶונְט מֶען אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן? אִיךְ וִויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דָאס אַמָאלִיגֶע אִידְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְלֶעגְן דַאוֶונֶען מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט".



עֶר דַאוֶונְט לֶעבֶּעדִיג אוּן פַּאטְשְׁט

דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט: "דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ מַעֲשֶׂה, צְוֵויי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעדַאוֶונְט מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, יֶענֶער הָאט גֶעפַּאטְשְׁט

בַּיים דַאוֶונֶען און דִי צְוֵויי אִידְן הָאבְּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט; דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: 'אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פַּאטְשְׁן בַּיים דַאוֶונֶען! וֶוען מֶען פַּאטְשְׁט בַּיים דַאוֶונֶען וֶוערְט אַ רֵיינֶע לוּפְט, מֶען בְּרֶענְגְט צוּ זִיךְ לוּפְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת גֵייעֶן אַוֶועק', דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶע'מוּסָר'ט זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם".

קִינְדֶער, אִיר גֵייט נָאךְ שְׁפֶּעטְן וֶוען אִיר זֶעט אֵיינֶעם דַאוֶונֶען מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט אוּן מִיט פַּאטְשְׁן? "נֵיין, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט שְׁפֶּעטְן, מִיר גֵייעֶן אוֹיךְ פַּאטְשְׁן!" אָבֶּער אִיר זָאלְט וויסְן קִינְדֶער, מוֹהֲרַא"ש זָאגְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַּאטְשְׁן אַז יֶענֶער זָאל הֶערְן, מֶען קֶען פַּאטְשְׁן פַאר זִיךְ, דַאוֶונֶען מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן"; אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ מְבַטֵּל גֶעוֶוען פַארְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי מֶען פָאלְגְט אַ קֶענִיג, דָאס אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַמָאלִיגֶע אִידְן פְלֶעגְן דַאוֶונֶען, מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט.

לָאמִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם גֵיין אַ טֶענְצְל, קִינְדֶער קוּמְט טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן: "שַׁבָּת טֵי רִי רִי רֵיי רֵיי רֵיי רֵיי"